בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אמור תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 481


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### היינטיגע צייטן איז די כהונה דורך צוויי מצוות

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו" (כא א)

דעם דאפעלטן לשון אין דער פסוק "אמור - ואמרת" טייטש אזוי דער **'בן איש חי'**:

די כהנים זענען באפוילן געווארן מיט אסאך מצוות וואס זענען נאר פאר זיי געזאגט געווארן, אבער אין די צייט וואס די מערהייט פון זיי זענען נאר אויף די צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, צוויי פון זיי זענען שטענדיגע און זענען אויך היינט צוטאג: ברכת כהנים און דער איסור פון טומאת מת. אויף דעם איז דער פסוק מרמז: "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן" - אויסער די מצות עשה פון זאגן 'ברכת כהנים', וואס איז אויך לדורות, "וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם" אויך א מצות 'לא תעשה' לדורות, און דאס איז: "לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו". ווייל מיטן מקיים זיין די צוויי מצוות צוזאמען וועט זיין א קלארער און שטארקער סימן אויף זייער כהונה, אויך בזמן הזה.

'עוד יוסף חי' חלק הדרוש

### שחט'ן די ברען צו חומריות

"וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח תּוֹדָה לַה' לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ" (כב כט)

זאגט דער **'חתם סופר'**:

די הסבר אויף דעם פאקט אז מענטשן זענען נישט צופרידן מיט וואס זיי האבן, און אינוועסטירן אלע זייערע כוחות צו האבן נאך און נאך פון די עולם הזה זאכן און אירע באקוועמליכקייטן, הענגט אן דער 'חובת הלבבות' (בפתח שער הבחינה) אין דעם וואס זיי פארהוילן זיך פון די סאך גוט'ס וואס דער באשעפער האט שוין געטון פאר זיי. ווייל די וואס טוהן איינערקענען די גוטסקייט פון השי"ת און א געזאנג פון לויב ליגט אויף זיין צונג אין יעדע צייט, וועלן זיך זיכער צוגעוואוינען צו די מידת ההסתפקות און נישט זוכן מער פון וואס השי"ת האט אים געשאנקען.

אויף דער יסוד איז אונזער פסוק מרמז: "וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח תּוֹדָה לַה'" - אויב ענק וועלן זיך איינגעוואוינען לויבן שטענדיג השי"ת אויף די גוט'ס, "לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ" - וועלן ענק מיט דעם שחט'ן די יצר פון רצון און תאווה צוזאמלען נאך און נאך פארמעגן און זיין פארטיפט אין הנאות העולם הזה.

'חתם סופר' על התורה

### משפט'ן די תבואה צוויי מאל

"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם וּקְצַרְתֶּם אֶת קְצִירָהּ וַהֲבֵאתֶם אֶת עֹמֶר רֵאשִׁית קְצִירְכֶם אֶל הַכֹּהֵן; וְהֵנִיף אֶת הָעֹמֶר לִפְנֵי ה' לִרְצֹנְכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת יְנִיפֶנּוּ הַכֹּהֵן" (כג י-יא)

די חכמים זאגן (ר"ה טז א) אז יו"ט פסח איז א יום הדין אויף די תבואה, און דערפאר האט מען מקריב געווען די מנחת העומר אין דעם צווייטן טאג פון פסח, "כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות". לויט דעם וואונדערט זיך **רבי יהונתן אייבשיץ** אויף דעם וואס מיר זאגן ביי די תפילות פון ראש השנה אינמיטן סדר זכרונות: "ועל המדינות בו יאמר... איזו לרעב ואיזו לשובע", זעהט מען דאך אז אין ראש השנה טוהט מען משפט'ן די תבואות? נאך פרעגט ער: אויב די קרבן העומר קומט צוליב די הצלחה פון די תבואה, פארוואס איז מען עס מקריב נאר דעם צווייטן טאג פון פסח, און נישט באלד ביי די אנהויב פון די משפט - אין דעם ערשטן טאג?

ענטפערט ער: די קרבן עומר איז געזאגט געווארן נאר אין באציאונג צו די תבואה פון ארץ ישראל, אבער די תבואה פון די אנדערע מדינות ווערן גע'משפט אום ראש השנה, אזוי ווי עס זעהט אויס פון די לשון: "ועל המדינות בו יאמר... איזו לרעב ואיזו לשובע".

און בנוגע די משפט וואס קומט פאר אין ראש השנה, שרייבט דער אר"י הק' אז אין דעם ערשטן טאג טוהט מען משפט'ן די צרכי הנשמה, און אין דעם צווייטן טאג אויף די צרכי הגוף. לויט דעם קען מען זאגן אז דאס איז אויך די סדר פון די משפט אין פסח, אין דעם ערשטן טאג ווערט גע'אורטייל'ט די גייסטיגע טייל פון די תבואה, פון וועלכע די נשמה ווערט געשפייזט, און אין דעם צווייטן טאג ווערט גע'אורטייל'ט דעם פיזישן טייל פון וועלכן דער גוף ווערט געשפייזט. לויט דעם, ווייל די קרבן עומר קומט פון גערשטן, צוליב דעם וואס זיי ווערן די ערשטע געצייטיגט (ראה שמות ט לא-לב) איז פאסיג מען זאל עס אנרופן "רֵאשִׁית קְצִירְכֶם", און די גערשטן זענען א מאכל בהמה, וואס זענען מרמז אויף די גשמיות'דיגע טייל פון די תבואה, דעריבער האבן זיי מקריב געווען די עומר דווקא דעם צווייטן טאג פון פסח, ווייל אין דער טאג ווערט גע'אורטייל'ט דער טייל.

'תפארת יהונתן'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א הימלישע קבלת פנים

מיר שטייען געציילטע טעג בעפאר דעם הייליגן טאג 'ל"ג בעומר' הבא עלינו לטובה, דאס איז דאך דער יומא דהילולא פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א. דאס עצם דערמאנען 'ל"ג בעומר' ערוועקט אין הארץ פון יעדער א ציטער פון התרגשות. די גרויסע שמחה, די תפילה און התעוררות וואס גייען ארויף אויבן מיטן פלאם פונעם פייער אין דעם טאג ל"ג בעומר אין אתרא קדישא מירון, ווערן אריינגעקריצט אויף אייביג אין די הערצער פון די באטייליגטע.

אידן פון דער גאנצער וועלט מאכן זיכער נישט צו פארפעלן די געלעגנהייט אנקומען צו די גליל-בערג, מיטפרייען מיט די שמחה פונעם הייליגן תנא, און דאווענען אויף ישועת הכלל והפרט, זיך פארלאזנדיג אויף דעם גרויסן כח פון רשב"י, וואס אויף אים האבן די חכמים געזאגט (ברכות ט א): "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק".

ל"ג בעומר איז א טאג וואס איז מערסטנ'ס געאייגענט זיך צו פארבינדן מיט די פנימיות התורה אין די וועג פון רשב"י וואס ווערט ערקלערט אין זוהר הק', און אינצווישן זיי די פילע ערטער וואו ער רעדט אזוי שטארק איבער די מעלה פון זאגן ברכות און ענטפערן אמן נאך זיי.

אין דעם מאמר וויל איך אנמערקן די באקאנטע ווערטער (עקב רעא א) אז ווען די ברכות וואס זענען געענטפערט געווארן מיט א אמן גייען ארויף, עפענען זיך אויף פאר זיי אלע שערי שמים און מען רופט אויס אין אלע הימלען: "דא איהו דורונא דמלכא דשדר פלוני" [=דאס איז די מתנה וואס פלוני האט געשיקט פארן קעניג]; "דא הוא דורונא בקיומא כדקא יאות" [דאס איז די מתנה וואס איז וויאזוי עס דארף צו זיין].

עפענען די טויערן! אויסרופן אין אלע הימלען! - איז דען דא איינער וואס וויל מוותר זיין אויף דעם?! עס זעהט אויס אז יעדער קען! יא, אויך דו! עס פעלט אויס נאר א קליינע מעשה: עמיצער זאל שטיין נעבן דיר און ענטפערן אמן אויף דיינע ברכות. נאר דאס.

מער ווי איין מאל, נאכדעם וואס איך האב געהאט די זכי' צו שטיין נעבן א איד און ענטפערן 'אמן' נאך זיינע ברכות השחר, האב איך אים אויפמערקזאם געמאכט אויף די דערמאנטע זוהר, און כדי צו דערנענטערן די זאכן צו זיין הארץ. האב איך אים געפרעגט: "גלייבסט אז אין דער צייט ווערט דיין נאמען דערמאנט אין אלע הימלען, און די מלאכים הייבן אויף דיינע ברכות ווי א געשאנק פארן בורא עולם?"

אויב מיר וועלן מקפיד זיין זאגן די ברכות השחר טאג טעגליך מיט א חברותא פארן דאווענען, וועלן מיר האבן די זכיה אז אונזער נאמען וועט אויסגערופן ווערן אין הימל צווישן די וואס ברענגען פארן קעניג א שלימות'דיגע מתנה, און דאס וועט זיכער צוברענגען אז די תפילה וועט אנגענומען ווערן ברחמים וברצון.

**מיט א רוף 'פתחו שערים'**
**און א 'גוט שבת'**

יעקב דוד מארמארשטיין

## א טאנץ פון שבח והודאה פרייטיג צונאכט'ס

דאס איז געווען בשעת'ן מאכן קידוש שבת-ביינאכט, ביים טיש פונעם בעל שם טוב הקדוש. זיינע נאנטסטע תלמידים זענען געשטאנען ארום דעם טיש און געקוקט מיט א ערנסקייט אויף זייער הייליגן רבי'ן, און מיטאמאל האבן זיי באמערקט, אז זיין געזיכט האט זיך פארענדערט, און א פרייד האט זיך אויסגעשפרייט אויף אים.

די תלמידים וועלכע זענען געווען פאראוואונדערט האבן זיך נישט געטרויעט צו שטערן זייער גרויסן רבי'ן וואס ווי עס זעהט אויס האט ער זיך געפונען אין די עולמות העליונים. זיי האבן באשלאסן צוווארטן ביז מוצאי שבת, דעמאלטס האבן זיי געהאפט וועלן זיי קענען בעטן פון זייער רבי'ן די ענטשיידונג פון דער מיסטעריע. טאקע ווי נאר דער שבת האט זיך געענדיגט, נאך הבדלה, איז דער באקאנטער תלמיד רבי וואלף קיצעס צוגעגאנגען צום בעל שם טוב און אים געפרעגט אויף דעם באדייט פון די באזונדערע שמחה וואס מען האט געזעהן אויף אים ביי די שבת-ביינאכט סעודה.

אנשטאט אן ענטפער, האט דער בעל שם טוב אים באפוילן ער זאל רופן זיין באקאנטן בעל עגלה 'אלעקסיי' און אים בעטן ער זאל שוין איינשפאנען די פערד און וואגן, ווייל זיי גייען זיך ארויסלאזן אויף א לאנגע רייזע. א צייט שפעטער איז דער בעל שם טוב ארויס אויף דעם אומבאקאנטן וועג, באגלייט פון עטליכע פון זיינע נאנטסטע תלמידים, צווישן זיי רבי וואלף קיצעס.



די וואגן איז געפארן א גאנצע נאכט אן אויפהער, און ווען עס איז ליכטיג געווארן האט מען זיך אומגערוקט אפגעשטעלט נעבן דער גרויסער שול פון די שטאט 'אפטא'. נאכן דאווענען שחרית, האט דער בעל שם טוב אנגעזאגט זיינע תלמידים זיי זאלן רופן רבי שבתי דער איינבינדער פון די ספרים. די תלמידים האבן זיך נאכגעפרעגט אויף אים, און טאקע א צייט שפעטער האט זיך רבי שבתי באוויזן פארן בעל שם טוב.

דער רבי שבתי וועלכער איז שוין אריבער די מיטעלע יארן און האט אבער נאכנישט זוכה געווען צו קינדער, האט זיך אין הארצן געוואונדערט וואס באדייט די איינלאדענונג. און אט, באלד ביים אנקומען, האט דער בעל שם טוב געבעטן רבי שבתי'ן: "זאג מיר ביטע, וואס איז פארגעקומען ביי דיר די שבת ביינאכט?", און דער איבערראשנדער רבי שבתי' האט אנגעהויבן דערציילן:

"איך בין אן ארעמאן", האט רבי שבתי אנגעהויבן, "און די ביסל געלט טוה איך פארדינען פון בינדן ספרים. בחסדי שמים בין איך צופרידן אין מיין גורל און איך דאנק השי"ת פאר אלע חסדים און טובות וואס ער האט געטוהן פאר מיר פון אייביג אן. מיין ערליכע פרוי איז אויך צופרידן אין איר גורל און באקלאגט זיך נישט ווען די שוועריקייטן אין פרנסה.

אבער לעצטנס, נאכדעם וואס מיר ביידע האבן שוין דערגרייכט צו די עלטערע יארן, איז אונזער לאגע פארערגערט געווארן. מיין קערפער ווערט שוואכער און פון מאל צו מאל האב איך נישט קיין פרנסה. דאך, מיט אלע מיין כוחות טוה איך זיך אויסמיידן פון צו נעמען א מתנת בשר ודם און איך פארלאז מיך אינגאנצן אויף השי"ת.

פארגאנגענעם פרייטאג איז אונזער לאגע אזוי פארערגערט געווארן אז מיר האבן נישט געהאט אפילו אויף צו קויפן דאס ביסל וואס איז נויטיג אויף שבת. האלטנדיג די ווערטער פון חז"ל וואס זאגן (שבת קיח א): "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" האב איך באשלאסן זיך האלטן אויף מיין וועג נישט געניסן פון א מתנת בשר ודם. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה בין איך געגאנגען פרי אין שול צו מעביר סדרה זיין 'שנים מקרא ואחד תרגום' און זאגן 'שיר השירים'.

דערנאך וואס איך האב פארענדיגט צו מעביר סדרה זיין און זאגן שיר השירים, האט זיך דער עולם אנגעהויבן צוזאמנקומען אויף 'קבלת שבת'. אויב אין אנפאנג האב איך נאך געטראגן אין הארץ א זארג איבער די צרכי שבת, ווי מער די דאווענען האט זיך געצויגן, האט זיך מיין נשמה אויפגעהויבן העכער אלע פאסירונגען פון וועלט, ביז איך האב אינגאנצן פארגעסן אז מיין הויז איז איגאנצן ליידיג.

ביים ענדיגן דאווענען האב איך זיך נישט געאיילט אהיים גיין. איך האב נישט געהאט קיין סיבה צו טוהן אזוי. א שבת'דיגע סעודה האט מיך נישט אפגעווארט אין מיין טונקעלען הויז. נאך מער, איך האב מורא געהאט, אז די שכנים וועלן מיך פרעגן איבער די פינסטער וואס הערשט אין מיין שטוב.

ערשט ווען דער לעצטער פון די מתפללים האט פארלאזט די שוהל בין איך אויך אהיים געגאנגען. ווען איך האב זיך דערנענטערט צו מיין הויז האב איך באמערקט א ליכטיגקייט דורך די שפאלטענע'ס פון די פענסטער. ווען איך האב געעפענט די טיר בין איך געווען דערשטוינט פון וואס מיינע אויגן האבן געזעהן; דער טיש איז געווען אנגעגרייט מיט פיינע געשמאקע ספעציעלע עסן, מיט א געוואלדיגע שפע, און די ליכטיגקייט פון די שבת ליכט האט צוגעברענגט עס זאל אויסזעהן ווי א מלכות'דיגע הויז.

איך בין אריין אין שטוב מיט גרויס פרייד, בשעת איך באגריס מיין פרוי מיט א 'גוט שבת'.

די געדאנק וואס האט זיך ארייננגע'גנב'עט ביי מיר אין הארץ אז ווי עס קוקט אויס האט מיין פרוי נישט געקענט ביישטיין די נסיון און האט געבעטן הילף פון מענטשן, האב איך נישט ארויסגעזאגט מיטן מויל. איך האב געווארט אז מיין באלעבאסטע זאל אליינס לייזן די מיסטעריע. נאכן זינגען 'שלום עליכם', האט זי מיר אזוי פארציילט:

'ערב שבת, נאכדעם וואס דו ביסט געגאנגען אין בית-המדרש אריין לערנען, האב איך געטראכט אין הארצן, אויב מיר קענען נישט מכבד זיין דעם שבת מיט עסן און טרינקען, וועל איך כאטש מכבד שבת מיט ריינינג און איינארדען אונזער הויז. אלע כוחות וואס זענען געווען גרייט אויף די הכנות צום שבת האב איך אינוועסטירט אין ריינינגן די הויז, איך האב אויך גערייניגט פלעצער וואס געווענליך רייניג איך זיי נישט אויסער ערב פסח... און מיטאמאל האב איך אנטדעקט אין איינע פון די ווינקלען א אלטע קלייד מיט גאלדענע קנעפלעך. איך בין תיכף געלאפן צום גאלדשמיד און אים פארקויפט די קנעפלעך פאר א גרויסע סומע, און מיט די געלט וואס איך האב באקומען האב איך געקויפט די אלע צרכי שבת בכבוד און בשפע'.

ערהערנדיג די ווערטער האט זיך מיין הארץ אנגעפילט מיט געפילן פון הודאה, און איך האב גלייך אנגעהויבן זינגען מיט א ברען און שמחה די לויב ווערטער וואס איז איינגעפירט צו זאגן אין אזא צייט: 'מודה אני לפניך ה'... על כל החסד אשר עשית עמדי ואשר אתה עתיד לעשות עמי...' א לאנגע צייט האט מיין הארץ זיך געפריידט מיט די לויב, און מיינע פיס האבן פון ווי זיך אליין זיך געהויבן צו א שטורעמישן-טאנץ פון פרייד און הודאה...".

דעמאלט האט דער בעל שם טוב אפגעשטעלט די ערציילונג פון רבי שבתי' און אים געזאגט: "זאלסט וויסן, אין דער צייט וואס דו האסט געטאנצט, האט זיך די גאנצע פמליא של מעלה אנגעשלאסן אין דיין טאנץ און עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין די עולמות העליונים".

די תלמידים האבן יעצט פארשטאנען די באדייט פון די פרייד וואס האט אנגעכאפט זייער רבי'ן וואס איז דעמאלט געווען אינמיטן די סעודה, און דער בעל שם טוב האט ווייטער געזאגט פאר רבי שבתי'ן: "ווייל דו האסט צוגעברענגט אזא גרויסע שמחה מיט אייער הנהגה, קענסטו בעטן וואס דו ווילסט און אייער בקשה וועט ערפילט ווערן, ביטע זאג וואס דו בעטסט".

רבי שבתי' האט באלד געענטפערט די געבעטה וואס איז געווען זיינ'ס און זיין ווייב'ס ווילן: "איך בעהט אז דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן מיט א בן זכר!".

דער בעל שם טוב האט מסכים געווען און אים געבענטשט מיט א בן זכר. א יאר שפעטער איז פאר רבי שבתי' מיט זיין ווייב געבוירן געווארן א זון. ביי די ברית האט דער בעל שם טוב געדינט אלס סנדק, און האט געהייסן א נאמען געבן 'ישראל'.

דער קליינער 'ישראל'יק' איז געוואקסן און געשטיגן, ווען אלע זעהן זיינע מדריגות. שפעטער איז זיין נאמען פארשפרייט געווארן אלס דער באקאנטער צדיק 'הייליגער קאזניצער מגיד'.

'תולדות המגיד מקאזניץ' [פון רבי חכם צבי האלבערשטאם] פרק א'

וְכַאֲשֶׁר תָּקוּם מִן הַסֵּפֶר, תְּחַפֵּשׂ בַּאֲשֶׁר לָמַדְתָּ אִם יֵשׁ בּוֹ דָּבָר אֲשֶׁר תּוּכַל לְקַיְּמוֹ

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## דין 'אמן חטופה'

### ענטפערן אמן פארן ענדיגן די ברכה

**א. פונקט ווי די חכמים אסר'ן זיך פארזוימען מיטן ענטפערן אמן נאכן ענדיגן זאגן די ברכה, אזוי אויך אסר'ן זיי ענטפערן בעפאר דער מברך ענדיגט זאגן די ברכה. דערפאר דארף מען ענטפערן אמן נאר נאכן ענדיגן אינגאנצן די לעצטע ווארט. ענטפערן אמן שנעל בעפאר דער מברך ענדיגט די ברכה, ווערט אנגערופן אין די שפראך פון די חכמים (ברכות מז א) 'אמן חטופה'.**

מקורות וביאורים:

אזוי טייטשן רב כהן צדק גאון (ספר הערוך ערך אמן), דער רא"ה און דער מאירי (ברכות מז א) די משמעות פון די איסור פון 'אמן חטופה', און זייער שיטה ווערט געברענגט להלכה אין 'שולחן ערוך' (או"ח קכד ח). אין דעם ענין איז דער 'משנה ברורה' מעורר (שם ל): "עס זענען דא מענטשן וואס הייבן אן ענטפערן ווען דער ש"ץ האלט נאך אינמיטן די לעצטע ווארט, און דאס איז אסור".

רבי שאול בראך פון קאשוי, אין די הקדמה אויף זיין ספר 'גבעת שאול' ברענגט אז דער פסוק (שה"ש א ד) "משכני אחריך נרוצה", וואס די ראשי תיבות זענען 'אמן' איז מרמז אז מען דארף מקפיד זיין ענטפערן אמן נאר אין די ריכטיגע צייט, נישט מקדים זיין פארן ענדיגן די ברכה ['אמן חטופה'] און נישט פאר־שפעטיגן נאכן ענדיגן ['אמן יתומה']; "משכני" - מען דארף ציעהן און ווארטן מיט די אמן ביז דער מברך וועט ענדיגן די ברכה, אבער "אחריך" - נרוצה" - באלד נאכן ענדיגן דארף מען זיך צואיילן ענטפערן אמן.

•

**ב. אויך ווען דער ש"ץ זינגט און ציהט ביי די אויספיר פון די ברכה, טאר מען נישט ענטפערן אמן ביז דער חזן האט נישט געענדיגט די לעצטע ווארט פון די ברכה. אבער דער ש"ץ דארף זיך פארמיידן פון צו ציעהן ביי די ניגון פון די לעצטע ווארט פון די ברכה, ווייל עס זענען דא וואס ווייסן נישט די הלכה, און צוליב דעם ווערט מען נכשל מיט ענטפערן א אמן חטופה.**

מקורות וביאורים:

פון דער 'מגן אברהם' (קכד יד) קומט אויס אז אויב דער חזן איז מאריך צו זינגען אסאך ביי די סוף פון די ברכה, זאל מען נישט ווארטן ביז ער וועט ענדיגן זינגען כדי צו ענטפערן אמן. אבער פון דעם וואס דער 'משנה ברורה' שרייבט (שם) לגבי קדיש, אז אויב דער ש"ץ איז מאריך אסאך ביי די ווערטער "ואמרו אמן" זאל דער ציבור ענטפערן באלד אמן, ווייל די ווערטער זענען נישט א טייל פון די 'בקשה' זעלבסט, איז געדרינגען אז דער ש"ץ וואס זינגט ביי סוף פון די ברכה, דארף מען ווארטן אויך אויב ער ציהט אסאך.

אין שו"ת 'בית יעקב' (סי' כב) שטייט, אז אויך ווען דער ש"ץ זינגט לאנג ביי די לעצטע אות פון די לעצטע ווארט פון די ברכה, דארף מען צו ווארטן ביז נאכן ענדיגן זינגען. טראץ וואס איז דער פאל האט מען שוין געהערט די גאנצע ווארט, פון דעסטוועגן "כל זמן דער חזן האט נישט געענדיגט דעם ניגון, איז עס גערעכנט ווי אינמיטן זאגן די ברכה", און דערפאר דער וואס ענטפערט בעפאר דער ש"ץ ענדיגט דעם ניגון, ענטפערט ער א אמן חטופה. דער 'בית יעקב' ברענגט א ראי' צו זיינע ווערטער פון דעם וואס די חכמים זאגן (ברכות יג ב און אין רש"י דארטן ד"ה ובדל"ת) אז כדי אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין ביי די ערשטע פסוק פון קריאת שמע דארף מען מאריך זיין דווקא ביי די לעצטע אות פון די ווארט 'אחד', ווייל בעפאר ער ענדיגט נישט די ווארט און זאגט אויך ארויס די לעצטע אות פון איר, האט נישט זיין זאגן קיין משמעות. פון דעם וואס מען איז יוצא די חוב פון האבן כוונה ביים ערשטן פסוק פון קריאת שמע, מיט די כוונה וואס מען האט אינזין ווען מען איז מאריך ביי די אות דל"ת פון 'אחד', זעהט מען אז די ווארט ענדיגט זיך נישט אין די צייט וואס מען איז מאריך ביי די לעצטע אות (ראה 'מגן אברהם' קכח עג). אבער אין 'חדושים ובאורים' (ברכות סי' כא אות ה) ברענגט ער אז דער חזון איש קריגט און האלט אז מען קען ענטפערן אמן באלד ווען דער ש"ץ ענדיגט די לעצטע ווארט אינגאנצן, אויך אויב ער זינגט ווייטער. עס זע־נען דא וואס שרייבן אז פון דער לשון פונעם 'משנה ברורה' (קכד לה) וואס שרייבט אז ווען דער ש"ץ זינגט לאנג ביי די לעצטע ווארט פון די ברכה "לא יענה אמן כל זמן שלא סיים את עצם התיבה של הברכה", קען מען ברענגען א ראיה צו די דעה פון חזון איש אז וויבאלד דער ש"ץ האט ארויסגעזאגט די 'עצם' ווארט פון זיין מויל, זאל מען נישט ווארטן ביז ער וועט ענדיגן זינגען די לעצטע אות. אבער אין ספר 'אבני ישפה' (ח"ג או"ח סי' כד) פירט ער אויס אז עס איז נישט קיין זיכערע באוויז און הייסט מען זאל זיך פירן למעשה ווי דער 'בית יעקב' און נישט ענטפערן אמן ביז דער חזן ענדיגט זינגען די לעצטע אות פון די לעצטע ווארט פון די ברכה.

אבער דאס אלעס איז נאר ווען דער ש"ץ איז מאריך צו זינגען ביי די לעצטע אות פון די ברכה, אבער אויב דער חזן הייבט אן זינגען נאכן ענדיגן די ברכה, דארף מען באלד ענטפערן אמן און נישט ווארטן אויף זיין ניגון (משנ"ב רפא ד, פמ"ג א"א שם ד; שו"ת 'מנחת יצחק' ח"ז סי' ט). נאך שרייבט דער 'משנה ברורה' (שם) אז די חזנים זאלן נישט מאריך זיין ביים ענדיגן די ברכה, "ווייל אמאל ענטפערט מען אמן בעפאר דער חזן ענדיגט אינגאנצן די ברכה".

# רזעי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



כ"ק אדמו"ר מדז'יקוב וויז'ניץ שליט"א

עס איז פארהאן א כלליות'דיגע ענין וואס מיר אלע דארפן זיך מחזק זיין אין דעם, וואס איז ליידער פון די זאכן שהאדם דש בעקביו. מיין כוונה איז די זהירות וואס עס פעהלט זיך אויס אויף ענטפערן אמן און 'אמן יהא שמיה רבה...'. מיר טרעפן אין חז"ל (שבת קיט ב) מורא'דיגע און געוואלדיגע ווערטער אויף די גרויסקייט פון ענטפערן די אויבנדערמאנטע זאכן: "קורעין לו גזר דינו"; "אפילו יש בו שמץ של עבודה זרה מוחלין לו"; "פותחים לו שערי גן עדן". נאך זאגן חכמים (דב"ר ז א): "כל מי שעונה אמן בעוה"ז - זוכה לענות אמן לעתיד לבוא". און תוספות (שבת שם ד"ה כל העונה) ברענגט אין נאמען פון פסיקתא, 'כשישראל נכנסים לבתי כנסיות ואומרים יהא שמיה רבא מברך בקול רם, מבטלים גזרות קשות'.

די וואס קוקן אריין אין פארשידענע גליונות אדער בראשור'ן בשעת'ן זאגן קדיש אדער ווען דער ש"ץ דאווענט די הויכע שמו"ע, געבן כמעט נישט אכטונג אויף די ברכות און די קדיש, און דערלייגן צו ענטפערן אמן און איש"ר וואס זייער טייערקייט האט נישט קיין שאצונג. וואספארא הנאה און נחת רוח טראכטן זיי צו ברענגען צו השי"ת מיטן לערנען אין די צייט, דאס איז דאך פונקט פארקערט פון זיין רצון. און דערצו קען נאך ארויסקומען פון דעם א חילול השם דורך די הנהגה, וואס אין די אויגן פון פילע איז עס א גרינגשעצונג אין די ווערד פון אמן און איש"ר.

מיין הייליגע זיידע דער 'דברי חיים' פון צאנז זי"ע, האט אמאל מוסר געזאגט פאר צוויי אידן וואס האבן צווישן זיך געשמועסט ביי קריאת התורה ווען מען האט געזאגט א 'מי שברך' פאר א געוויסע חולה. און האט זיי געזאגט: אין הימל האט מען גע'פסק'נט אויב הונדערט מענטשן וועלן ענטפערן אמן אויף די 'מי שברך' וואס מען וועט זאגן נעבן די ספר תורה, וועט דער קראנקער געהיילט ווערן פון זיין קראנקהייט. אכט און ניינציג מענטשן האבן געענטפערט אמן, אויסער ענק צוויי וואס האבן אין דער צייט גערעדט... מיט דעם האט איר ווי געאורטיילט דעם גורל פון דעם קראנקן אויף טויט...

ווען מיר וועלן מיטן אויבערשטנ'ס הילף זיך מחזק זיין אין דעם, וועלן מיר זיכער זוכה זיין נאנט ווערן צו השי"ת צו קענען מתקן זיין אויך די אנדערע ענינים וואס עס פעלט אויס חיזוק אויף זיי, אזוי ווי די חכמים זאגן (יומא פ א): "תפסת מרובה - לא תפסת, תפסת מועט - תפסת".

# מאוצרות אמונים

## מחנך זיין קליינע קינדער אויף ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן לערנט אונז דעם מענטש נאטור

דער וואס הערט דעם ציבור ענטפערן אמן און שליסט זיך אן מיט זיי אן וויסן אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט, איז עס א 'אמן יתומה' (רש"י ברכות מז א ד"ה יתומה). און אויף דעם האבן חז"ל געזאגט (שם): "כל העונה אמן יתומה - יהיו בניו יתומים". און דאס איז זייער וואונדערליך; אזוי גרויס איז דען די זינד פון דער וואס ענטפערט א אמן יתומה? ער וויל דאך מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, און כאטש ער ווייסט נישט אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט, פונדעסטוועגן האט ער מסכים געווען צו די ברכה, פארוואס זאל מען אים באשטראפן מיט אזא שווערע שטראף? און נאך, פון דער לשון פון די חכמים "בניהם יהיו יתומים" זעהט אויס אז די שטראף איז אויך אויף די קינדער. לכאורה וואספארא זינד זענען זיי באגאנגען?

ערקלערט רבי יוסף יהודה לייב בלאך:

א מענטש וואס ענטפערט אמן אומוויסנדיג אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט, צייגט זיין כאראקטער - נאכצופאלגן די מיינונג פון אנדערע אן קאנטראלירן פון פריער צי זייער מיינונג איז ריכטיג צי נישט. א מענטש וואס איז נישט א בעל-הבית אויף זיך און איז כסדר אנגעהאנגען אין די מיינונג פון אנדערע, זיינע קינדער וואס זעהן איין זיין נאטור, האלטן נישט טייער זיינע ווערטער און פאלגן אים נישט. מיט'ן זאגן "בניו יהיו יתומים", האבן חז"ל געמיינט אז די קינדער פון דער וואס ענטפערט א "אמן יתומה" זענען נישט מקבל מרות פון אים, און ממילא ווערן זיי נישט פאררעכנט ווי זיינע זין, און זיי זענען ווי יתומים. ('שיעורי דעת' ח"ג עמ' קכח).

### מעורר זיין איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן

אין זיין ספר 'קיצור שולחן ערוך השלם' (קיא ל) ברענגט רבי רפאל ברוך טולידנו די באקאנטע סיפור אויף רבי מרדכי יפה (מובא בספר 'דרך משה' ליום יא) אז ווען ער האט געלערנט ביי זיין רבי'ן, רבי יצחק אבוהב, האט זיך געמאכט אז רבי יצחק'ס קליינער זון האט געזאגט א ברכה, און צוליב נישט צולייגן קאפ און מח האט רבי מרדכי נישט געענטפערט אמן נאך אים. צוליב דעם האט הרב אבוהב אים אריינגעלייגט אין א חרם און אים גע'מוסר'ט אויף די הארבקייט פון דער זינד פון זיך אפהאלטן פון ענטפערן אמן אויף א ברכה. ער האט אויך צוגעגעבן און געזאגט, אז עס איז שוין געווען אזא מעשה אין די פריערדיגע דורות איבער א חסיד וואס איז באשטראפט געווארן מיט טויט, ווייל ער האט זיך אפגעהאלטן פון זאגן אמן אויף די ברכה פון זיין זון. נאכן אראפלייגן די ערציילונג מיט אלע איינצלהייטן, לייגט צו הרב טולידנו און שרייבט שארפע ווערטער אויף דעם ענין:

"ישמע חכם ויוסף לקח, ווי גרויס איז די מעלה פון ענטפערן אמן. און ווער ווייסט, אפשר צוליב דער זינד זענען דא אסאך צרות?! אונזערע חכמים ז"ל זאגן (ברכות ה א): 'אם רואה אדם יסורים - יפשפש במעשיו'. בעהט איך פון די ראשי ישיבות, זיי זאלן רעדן פאר זייערע תלמידים אויף דעם, און חז"ל זאגן דאך (שבת י א): 'זמן תורה לחוד וזמן תפילה לחוד'".

### די עבודת הקודש פון בעל 'שפע חיים'

אויף האדמו"ר בעל 'שפע חיים' פון צאנז - קלויזענבורג ווערט דערציילט אז שבת פלעגט ער געבן פירות פאר קליינע קינדער, כדי זיי זאלן זאגן די ברכה, און ער וועט ענטפערן אויף דעם 'אמן'. דאס איז פאר אים געווען א באזונדערע עבודת הקודש, און אפילו ווען ער איז געלעגן אויפן קראנקן בעט מיט יסורים, האט ער נישט אויפגעגעבן דעם מנהג; טראץ זיין שוואכקייט, איז ער געזיצן א לאנגע צייט און געענטפערט אמן אויף די ברכות וואס די קינדער האבן געזאגט אויף זייערע פירות ('דרכי הלכה' [להגר"ח שמערלער] הל' ברכות הנהנין סי' כה).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

# 'תורתו מגן לנו היא מאירת עיננו'



### ענטפערן אמן מיט כוונה

אין זוהר הק' (וילך רפה ב) שטייט אז יעדער וואס ענטפערט אמן אן כוונה, פארשעמט ער דעם אויבערשטנ'ס נאמען און זיין שטראף איז זייער הארב, און אזוי שטייט דארט [אין א אידישע איבערזעצונג]: מיר האבן געלערנט: יעדער וואס הערט א ברכה פון דער מברך און האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן, אויף אים איז געזאגט געווארן (שמואל-א ב ל): "וּבֹזַי יֵקָלּוּ", און אויף דעם שטייט (מלאכי א ו): "בֵּן יְכַבֵּד אָב וְעֶבֶד אֲדֹנָיו וְאִם אָב אָנִי אַיֵּה כְבוֹדִי וְאִם אֲדוֹנִים אָנִי אַיֵּה מוֹרָאִי אָמַר ה' צְ-בָאוֹת לָכֶם הַכֹּהֲנִים בּוֹזֵי שְׁמִי". אין דער צייט וואס א מענטש נויטיגט זיך און דארף האבן א ישועה, וואס טוהט מען? אזוי ווי ער האט נישט געעפנט די ברכות אויבן - אזוי עפענט מען נישט פאר אים. און נאכמער, דערנאך וואס ער ווערט נפטר פון דער וועלט, רופט מען אויס פאר אים: פארמאכט די טירן פאר פלוני ער זאל נישט אריינקומען און מען זאל אים נישט אננעמען. וויי צו אים, וויי צו זיין נשמה.

דער רמ"ז אין זיין פירוש אויף זוהר (שם) ערקלערט די סיבה פארוואס דער וואס האט נישט כוונה ביים ענטפערן אמן ווערט באטיטול'ט מיט "בּוֹזֵי שְׁמִי" און ווערט אזוי שטארק באשטראפט: "ווייל ענטפערן אמן איז זייער א גרינגע זאך, אזוי אויך אינזין האבן די פשוטע סודות פון די ווארט 'אמן' וואס באטרעפט הוי"ה און א-דני". דער וואס טוהט גרינגשעצן אין א מצוה וואס איז גרינג מקיים צו זיין, איז מער הארב פון דער וואס טוהט גרינגשעצן אין א מצוה וואס איז שווער מקיים זיין (ראה מנחות מג ב), און דערפאר איז זייער הארב דער שטראף פון דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן. דער רמ"ז איז מוסיף און ערקלערט אז לויט וואס עס שטייט אין זוה"ק אז דער פסוק 'וּבֹזַי יֵקָלּוּ' איז געזאגט געווארן אויף דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן, פארשטייט מען די כוונה פון דער אר"י הק' וואס זאגט ('פרי עץ חיים' שער כוונת אמן) אז פון די אותיות וואס זענען די סופי תיבות פון דער פסוק (תהלים פג יז): "מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן", קען מען צוזאם שטעלן די ווארט 'אמן'.

נאך ערקלערט דער 'נוטרי אמן' (ח"א עמ' עט): אמן איז גרויסע מתנה וואס הקב"ה האט געגעבן פון זיינע אוצרות פאר זיינע באשעפענישן. דאס איז דער גרעסטער לויב וואס א מענטש קען מיט דעם לויבן זיין באשעפער, אזוי ווי חכמים זאגן (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים". צוליב דעם, דער וואס צוליב זיין פוילקייט לאזט ארויס די געלעגנהייט און לייגט נישט צו זיין הארץ צו ענטפערן אמן מיט כוונה, ווערט אויף אים נתעורר א גרויסער קטרוג, און ער ווערט פאר'משפט אויף אזא שווערער שטראף.

אין ספר 'יסוד ושרש העבודה' (שער הקרבן פרק ו) שטייט אז יעדער וואס זעהט די ווערטער פון זוהר: "פלגי מים תרד עיניו, על לא שמרו עניית אמן כראוי, יומם לא ישכב ולילה לא ינוח, מפחד לבבו אשר יפחד, וממראה עיניו אשר יראה...".

דער פריערדיגער מקובל רבי מאיר פאפירש, ברענגט אין זיין ספר 'אור צדיקים' (תיקון התפילה אות נב) דעם זוהר הק', און אין ליכט פון דעם לייגט ער פאר, אז יעדער זאל זאגן יעדן טאג א באזונדערע תפילה, און דאס זענען זיינע ווערטער:

"דערפאר זאל יעדער מענטש האבן די ווערטער געשריבן אין זיין סידור, אדער אויף דער וואנט, בשעת דאווענען, און אזוי זאל ער זאגן ווען ער הייבט אן דאווענען: 'רבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כח לכוין כוונת אמן כראוי; בכן יהי רצון מלפניך, שתהא עולה כוונה שלי עם כוונת אמן מאותן השרידים שיודעים לכוין כראוי'.

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com